# לזכר סיני לייכטער (1913-2004)

סיני לייכטער האב איך באקענט מיט ארום 7 יאר צוריק, ווען איך האב זיך אנגעהויבן פאראינטערעסירן אין די זאמלונגען פון יידישע לידער וואס ער האט געהאלפן ארויסגעבן דורך דעם העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים.

מיין דערציונג אין יידיש און יידישער קולטור האב איך באקומען אין דער היים, און אין די יידישע טאג-שולן פון מאנטרעאל. זייענדיק דער זון פון א מוזיקער, האב איך פון קינדווייז אן איינגעזאפט אין זיך א קענטשאפט און ליבשאפט צום יידישן ליד און מוזיק. ווען איך בין עולה געווען קיין ישראל – ווייט פון דעם טאטן, און נאר מיט עטלעכע לידער בויגנס, האב איך אנגעהויבן זוכן וואו-ווער עס קען מיר ארויסהעלפן אין מיין פריוואטער פארשארבעט איבער יידישן ליד און מוזיק.

איך האב איינגעשאפן א פאר ביכער, און דערנאך זיך דערוואוסט, אז עס זיינען ארויס אין ירושלים פראפעסיאנעל אויסגעפארשטע זאמלונגען פון יידישע פאלקסלידער. מען האט מיר געזאגט, אז דער וואס פארנעמט זיך מיט דעם איז א וואונדערבארער און ענערגישער ייד מיט דעם מאדנעם – פאר מיר – יידישן נאמען "סיני" לייכטער.

איך האב זיך פארבונדן מיט סיני טעלעפאניש, און ער האט ענטוזיאסטיש אויפגענומען מיין אינטערעס און טעטיקייט פאר יידיש. ער האט מיר געזאגט, אז ער וויל זיך פערזענלעך באקענען מיט מיר און מיט מיין משפחה – און ער איז טאקע מקיים געווען. דאס איז געווען א זעלטענער מענטש: סיי ער האט צוגעזאגט, סיי ער האט געהאלטן ווארט, און אויסגעפירט.

אין א פרייטיק אינדערפרי, איז ער צוגעפארן אין נתניה מיט זיין טייערער פרוי נסיה, און נאך א פארפאלק חברים, און מיר האבן איבער א גלעזל טיי דערציילט איינעם דעם אנדערן א ביסל וועגן אונדזער לעבנס-געשיכטע. איך האב זיך דערוואוסט, למשל, אז ער האט א שטיקל צייט געוואוינט אין וויניפעג (קאנאדע), און אז ער האט אפילו געארבעט אויף איינע פון די ערשטע דאקומענטארע פילמען וואס איז געמאכט געווארן אין דער יידישער מדינה, נאך אין די סוף 1940ער-אנהייב 1950ער, און נאך גאר אינטערעסאנטע זאכן. דער עיקר, אבער, האבן מיר ארומגערעדט אונדזער בשותפותדיקע ליבשאפט צו יידיש און יידישן ליד.

סיני האט זייער ענטוזיאסטיש אנגעפירט מיט א פראיעקט אנצוזאמלען און ארויסגעבן בענד יידישע לידער. ער האט געהאלטן פאר נייטיק, אז וואס מער מענטשן זאלן זיך באקענען מיט דעם רייכן אוצר פון יידישן ליד. ער האט באזארגט, אז עס זאלן דארט זיין די מוזיקאלישע נאטן – מע זאל טאקע ווייטער זינגען די לידער. ער האט באזארגט, אז די וואס קענען ניט קיין יידיש (אדער קענען שוואך), זאלן אויך הנאה האבן, און האט אריינגעגעבן טראנזליטערירטע טעקסטן צום לייענען, און איבערזעצונגען פון יידישן אריגינאל, אויף העברעיש און ענגליש.

די ערשטע פיר אין דער סעריע, האט ער מיר גלייך געשאנקען א מתנה: פאלקסלידער איבער כלערליי טעמעס, ווי קינדער לידער, חתונה לידער, ליבע לידער, און נאך, אריינגערעכנט לידער פון חורבן און גבורה.

ער האט מיר דעמאלט דערציילט, אז די אלגעמיינע זאמלונגען זיינען ניט גענוג, און אז מע מוז צוגרייטן באזונדערע בענד מיט די שאפונגען פון ספעציפישע פאלקסדיכטער, און אויך גרעסערע זאמלונגען אויף ספעציפישע טעמעס.

במשך פון די יארן, האט ער מיט גרויס ברען זיך אריינגעווארפן אין דער הייליקער שליחות פון זארגן פאר דעם. ניט נאר האט ער פון דער אקאדעמישער זייט געזאמלט די לידער און געזארגט פאר די מוזיק נאטן און איבערזעצונגען פון יידיש צו העברעיש און ענגליש, נאר ער האט זיך פארנומען מיט אלע טעכנישע און פינאנציעלע פרטים אויך. א דאנק אים, זיינען דערשינען נאך דריי גאר וויכטיקע בענד מיט די לידער פון מרדכי געבירטיג, פון מ.מ. ווארשאווסקי, און דאס לעצט בוך, וואס איז היי-יאר ארויס: פון איציק מאנגערס שאפונגען.

סיני לייכטער האט זיך מיט לייב און נשמה פארנומען מיט באזארגן, אז די וייטערדיקע דורות זאלן קענען לערנען פון די פריערדיקע. דאס איז געווען ביי אים א לעבנס-מיסיע וואס האט פארנומען זיין יעדער פרייער מינוט. ער האט געפילט, אז ער מוז העלפן, מיט וואס ער קען, איבערגעבן אויך פון זיין אייגענער לעבנס-דערפארונג.

אט למשל, האב איך אנהייב דעצעמבער באקומען פון אים דורך דער פאסט, א בריוול וואו ער שיקט דעם פארווארט פון א בוך וואס ער האט במשך פון יארן אנגעזאמלט מאטעריאל דערויף, און האט זיך געגרייט ארויסגעבן: ארטיקלען און געדאנקען וואס ער האט געהאפט, אז פון זיין אייגענער לעבנס-דערפארונג וועלן יינגערע פאר אים זיך אפלערנען.

איך האב ליידער ניט געהאט קיין פרייער מאמענט זיך צו פארבינדן מיט אים וועגן דעם פראיעקט. איך האף אבער, אז די יורשים זיינע וועלן טאקע ארויסגעבן אזא זאמלונג פון א מענטש וואס האט, – ווי ער גיט עס דארט אן אינעם פראוויזארישן פארווארט –
"... אויסגעלעבט כמעט דעם גאנצן 20סטן יאר-הונדערט, און אפגעמערקט די וויכטיקסטע געשעענישן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט ..."

וועגן ווייטערדיקע יידישע לידער זאמלונגען, ווייס איך ניט וואס וועט זיין, און ווער עס וועט קענען ממשיך זיין זיין מוטיקע און הייליקע ארבעט. ער האט זיך געפירט ווי זיין משפחה נאמען, "לייכטער", און אויפגעהאלטן די שבת-יום-טוב ליכט פון יידישן ליד, עס זאל אריינלייכטן אין די הערצער און היימען פון וואס מער מענטשן. מיר קענען נאר האפן, אז זייןביישפיל וועט ווירקן אויף אנדערע פארצוזעצן זיין ארבעט פון אפהיטן און פארשפרייטן דעם יידישן ווארט און ליד. כבוד זיין אנדענק.